**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/14/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס, פארט אויטאריטעט אנאנסירן פלאן צו טראנספארמירן ברוקלין שיף פארט מיט אינוועסטירונג אין 122-אקער גרויסע ברוקלין וואסער ברעג, שטיצט צוקונפטיגע וואוקס פון האַולענד הוק שיף פארט

***אפמאך צווישן סיטי און פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי וועט פאראויס שטופן באמיאונגען ביי ברוקלין שיף פארט און האַולענד הוק שיף פארט***

***סיטי וועט אויפבויען מאדערנע שיף פארט איינריכטונג קאנצענטרירט אויף פראכט וואס איז געוואנדן פאר די פינף בעראוס, צו גענוצט ווערן אלס 'בלויע הייוועי' און פאר קלענערע ליפערונג סטראטעגיעס וואס רעדוצירן טראפיק פון טראקס***

***סטעיט, סיטי מאכן צוזאמען א 95 מיליאן דאלארדיגע ערשטיגע אינוועסטירונג אין 122-אקער ברוקלין וואסער ברעג וואס וועט ביים ענדע האבן א באדייטנדע עקאנאמישע השפעה, פאטענציאל שאפנדיג טויזנטע דזשאבס***

***סיטי צו אנהויבן פראצעדור צו אוועקשטעלן א קאמיוניטי חזון צו עפענען די פולע פאטענציאל פון די ברוקלין וואסער ברעג אלס טייל פון נייע "[האפן פון די צוקונפט]()"***

***פארט אויטאריטעט וועט גלאטערהייט און ווירקזאמערהייט אויסברייטערן פראכט אפעראציעס און אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס אין סטעטן איילענד***

גאווערנער קעטי האקול, ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס און די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי (Port Authority of New York and New Jersey) האבן היינט אנאנסירט א נייע אפמאך צו צווישן די סיטי אָוו ניו יארק, ניו יארק סטעיט , די פארט אויטאריטעט און די ניו יארק סטעיט עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט (New York City Economic Development Corporation, NYCEDC) וואס וועט ערמעגליכן די סיטי צו טראנספארמירן די ברוקלין שיף פארט צו ווערן א מאדערנע שיף פארט אינריכטונג און א לעבהאפטיגע קאמיוניטי צענטער מיט פארשידענע באנוצן. די אפמאך וועט ערלויבן די פארט אויטאריטעט צו טרייבן די לאנג-טערמיניגע אויסברייטערונג פון די האַולענד הוק שיף פארט, וואס די פארט אויטאריטעט האלט יעצט אויף אין סטעטן איילענד. דער פראיעקט צו אויפבויען די 122-אקער-גרויסע שטח וועט פאטענציאל קענען העלפן שאפן טויזנטע דזשאבס פאר ניו יארקער בשעת'ן האבן א באדייטנדע עקאנאמישע השפעה אויף ניו יארק סיטי. די פלאן בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אויפשפארן עקאנאמישע פאטענציאל אויף ניו יארק סטעיט לאנד, צו בויען שטארקע קאמיוניטי צענטערן און צו שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס פון די צוקונפט, און עס איז טייל פון מעיאר עדעמס'ס באמיאונגען צו אויפבויען א 'האפן פון די צוקונפט' (Harbor of the Future) — א פילפאכיגע איניציאטיוו צו פונדאסניי אויספלאנירן ניו יארק סיטי'ס וואסער ברעג צו טרייבן וואוקס און ערפינדונג אין די 21'סטע יאר הונדערט.

"די היינטיגע אנאנס צייכנט אפ די קומענדיגע געוואלדיגע קאפיטל אין ברוקלין'ס לעגענדארע וואסער ברעג, און עס איז א געווינס פאר די מענטשן פון ניו יארק סיטי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די טראנספער וועט ערלויבן פאר די סיטי, ארבעטנדיג אין נאענטע שותפות מיט די קאמיוניטי און מיט מיין אדמיניסטראציע, צו אנהויבן די לאנג-ערווארטעטע פראצעדור פון פונדאסניי אויסשטעלן די רעד הוּק דאקס (פּיערס) אלס א מאדערנע ים האנדל איינריכטונג וואס ערפילט אויך באדערפענישן פון די קאמיוניטי. אונזערע שותפים ביי די פארט אויטאריטעט וועלן זיכער מאכן אז די שיף פארט ביי האַלענד הוּק פארבלייבט א בליהענדע ליפערונג צענטער, ארויפבויענדיג אויף די לעצטיגע היסטארישע אנאנס פון 200 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג צו פארזיכערן די איינריכטונג'ס שטארקע צוקונפט."

**ניו יארק סיטי מעיאר עדעמס האט געזאגט,** "פאר 20 יאר האבן סקעפטיקער געטראכט אז די אפמאך קען נישט דורכגעפירט ווערן, אבער אונזער אדמיניסטראציע האט געגעבן פריאריטעט פאר די 'האפן פון די צוקונפט', און יעצט האבן מיר די פאטענציאל צו שאפן טויזנטע נייע דזשאבס, אויפטרייבן ביליאנען אין השפעה אויף די עקאנאמיע און בויען א געגנט אויף אונזער ברעגע וואס ווייזט באמת ארויס די הבטחה פון ניו יארק סיטי. דורכן איבערנעמען קאנטראל פון די ברוקלין שיף פארט אין רעד הוּק אין אונזער סיטי רעגירונג'ס גרעסטע ריעל עסטעיט אריבערפירונג אין לעצטיגע יארן, טוט אונזער אדמיניסטראציע ארויסווייזן אז מיר וועלן פארזעצן צו אהערשטעלן גרויסע געווינסן פאר ניו יארקער, טאג נאך טאג. די פאטענציאל פאר די געגנט איז גרעניצלאז, און מיר זענען באגייסטערט צו ארבעטן מיט די לאקאלע קאמיוניטי, אנדערע ערוויילטע בעאמטע און וויכטיגע פארמישטע קערפערשאפטן צו אויפקומען מיט א פלאן פאר די העכער 100 אקער וואס ארבעט דאס בעסטע פאר רעד הוּק, פאר ברוקלין און פאר אונזער גאנצע סיטי."

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ריק קאטאן, האט געזאגט,** "די אפמאך איז א געווינס פאר אלע דריי זייטן: עס בענעפיטירט דעם ראיאן, די סיטי אָוו ניו יארק און די פארט אויטאריטעט. דורכן פארשטערקערן אונזער האַלענד הוּק שיף פארט דורך די אריבערפירונג, טוהען מיר פאראויס טרייבן איינס פון די פונדאמענטאלע סטראטעגישע פרינציפן פון די פארט אויטאריטעט — וואס איז די לעבעדיגקייט פון אונזערע קאנטעינער ים פראכט אפעראציעס. אין דעם זעלבן צייט, וועלן מיר ערמעגליכן די סיטי אָוו ניו יארק צו פארוואנדלען די ברוקלין שיף פארט צו ווערן א לעבהאפטיגע אוצר פאר די קאמיוניטי מיט מערערע באנוצן."

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי טשעירמאן, קעווין אָ'טוּל, האט געזאגט,** "די פארט אויטאריטעט איז אוועקגעשטעלט געווארן 103 יאר צוריק צו ברענגען א פאראייניגטע חזון פאר די פארטן אין אונזער ראיאן. סטראטעגישע אינוועסטירונג אין דעם ראיאן'ס שיף פארט דורך די פארט אויטאריטעט און אונזערע פריוואטע שותפים האבן געהאלפן עס ערמעגליכן צו ווערן די צווייט-פארנומענסטע פארט אין דאס לאנד, און צו זיין אומשטאנד צו נאכקומען פרעצעדענטלאזע ליפערונג פארלאנגען דורכאויס געשעענישן וואס קענען נישט פאראויס געזעהן ווערן ווי די גלאבאלע פאנדעמיע. די היינטיגע אפמאך גרייט אן די ערד פאר לאנג-טערמיניגע אויסברייטערונג פון האַלענד הוּק וואס וועט העלפן זיכער מאכן אז די פארט פון ניו יארק און ניו דזשערסי וועט ווייטער קענען קאנקורירן אויף די גלאבאלע מארקעט דורכאויס די קומענדיגע צענדליגע יארן."

**ברוקלין שיף פארט טראנספארמאציע**

אלס טייל פון די אונטערנעמונג, וועט די סיטי איבערנעמען קאנטראל אויף די גאנצע שיף פארט אין ברוקלין, אריינגעמנדיג 122 אקער פון וואסער ברעג אין רעד הוּק און די Columbia Street וואסער ברעג דיסטריקט, אריינרעכענענדיג די עקזיסטירנדע ברוקלין קרוּז שיף טערמינאל. מעיאר עדעמס האט אויך היינט אנאנסירט אן ערשטיגע 80 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די ברוקלין שיף פארט צו סטאביליזירן און פארעכטן דאקס 7, 8 און 10 און צו פינאנצירן פלאנירונג פאר די 122-אקער גרויסע

וואסער ברעג'ס צוקונפט, אריינרעכענענדיג א ביז 15 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו פינאנצירן א נייע מאדערנע, עלעקטרישע קאנטעינער קרעיין פאר אפעראציעס ביי די פארט. ביז אינמיטן פון חודש יוני וועט די NYCEDC אננעמען די פאראנטווארטליכקייט צו פארוואלטן אויף די אפעראציעס פון די ברוקלין שיף פארט, בשעת'ן שטיצן עקזיסטירנדע טענאנטס, אריינרעכענענדיג אננעמען די לעצטיגע פינף-יאריגע פארלענגערונג פון די רעד הוּק קאנטעינער טערמינאל'ס אויפהאלטונג אפמאך. דורך די אונטערנעמונג וועלן די NYCEDC און די סיטי ציהלן זיך צו אריינלאזן אין די צוקונפט פון מאדערנע ים האנדל; פארגרעסערן די עקזיסטירנדע ספעציאליזירטע קאנטעינער ביזנעס; ערמעגליכן די אנטוויקלונג פון א סיטי-ברייטע קלענערע ליפערונג סטראטעגיעס צו רעדוצירן טראק טראפיק; און ארבעטן מיט די קאמיוניטי און הויפט פארמישטע קערפערשאפטן אויף א מייסטער פלאן צו פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע לעבהאפטיגקייט פון די פארט בשעת'ן אריינבויען וויכטיגע איינריכטונגען פאר די קאמיוניטי.

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט א 15 מיליאן דאלארדיגע צוגעזאגטע סומע פאר א צוקונפטיגע קאלטע סטארעדזש איינריכטונג אויפן ארט. די מאנגל אין קאלטע סטארעדזש אין רעד הוּק האט בייגעשטייערט צו טראפיק, פארפעסטיגונג און אנדערע זארגן פאר די קוואליטעט פון לעבן אזוי ווי סחורה וואס קען קאליע ווערן ווערט טראנספארטירט אריין און ארויס פון ברוקלין. דורכן צוזאגן די פינאנצירונג, טוט גאווערנער האקול ארויפבויען אויף איר לאנג-טערמיניגע אגענדע צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אין ברוקלין און אין ניו יארק סיטי.

די סיטי וועט צוזאמזאמלען א ברוקלין שיף פארט איינהייט (Brooklyn Marine Terminal) – מיט פאראייניגטע שטאטן קאנגרעסמאן דען גאלדמאן אלס פארזיצער און ניו יארק סטעיט סענאטאר ענדרוּ גוּנאַרדעס און ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין אלעקסא אווילעס דינענדיג אלס וויצע פארזיצער – צו צוזאמען אנפירן א ברייטע פראצעדור צו ארבעטן צוזאמען מיט אלע פארמישטע צדדים. דער פראצעדור וועט זיך אנהויבן שפעטער די פרילינג און עס וועט ארבעטן צוזאמען מיט א ברייטע רייע פון פארמישטע קערפערשאפטן – אריינרעכענענדיג לאקאל-ערוויילטע בעאמטע, יוניאנס, וואסער ברעג-פארמישטע קערפערשאפטן, ברוקלין ביזנעסער, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, די דערנעבנדע קאמיוניטי און די ים האנדל אינדוסטריע – צו אנטוויקלען א מיטגעטיילטע חזון פאר די צוקונפט פון די קריטישע איינריכטונג און דיסטריקט. די NYCEDC האט אויפגענומען די בארימטע קאמיוניטי צוזאמענארבעט און שטאטישע דעזיין פירמע WXY צו שטיצן די ארבעט.

אין צוגאב האט מעיאר עדעמס היינט אנאנסירט אז די סיטי האט אריינגעגעבן גרענט אפליקאציעס פאר איבער 350 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער פון די פאראייניגטע שטאטן ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור (Environmental Protection Agency) און די פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע דעפארטמענט צו העלפן טראנספארמירן די ברוקלין שיף פארט צו ווערן די וועלט'ס-ערשטע ים האנדל איינריכטונג וואס איז צוגעפאסט צו באהאנדלען אינטערנאציאנאלע פראכט, און אזוי אויך פאר די פראכט ליפערונג צו די ענדגילטיגע דעסטינאציע אויף א וועג וואס איז נידעריג אין קארבאן. די פינאנצירונג פארלאנגען – געשטיצט דורך די ערוויילטע בעאמטע וואס פארטרעטן די לאקאציע – האבן געלייגט פריאריטעט צו ערזעצן דאקס a9 און b9 וואס זענען שוין נישט אין דינסט מיט א נייע דאק וואס לויפט פאראלעל צו די וואסער פאר מער קאפאציטעט צו קענען אויפנעמען אינטערנאציאנאלע קאנטעינערס און קלענערע פראכט, און אזוי אויך טראפיק פארבעסערונגען צו פארבעסערן די פלוס פון טראפיק ארום די ברוקלין קרוּז שיף טערמינאל און אין די רעד הוּק קאמיוניטי. אין לויף פון די פארגאנגענע צענדליגע יארן, אלס טייל פון די סיטי'ס ליעס און אפעראציע פון די ברוקלין קרוּז שיף טערמינאל, האט NYCEDC אינוועסטירט איבער 162 מיליאן דאלאר אין דאקס 11 און 12.

די טראנספער פון קאנטראל אין ברוקלין וועט געבן א געלעגנהייט צו טרייבן פאר עקאנאמישע וואוקס; צו באטראכטן א רייע פון אפציעס פאר דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע באנוצן, אריינרעכענענדיג האוזינג און קאמיוניטי איינריכטונגען; געבן פריאריטעט פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג; פאטענציאל צו

העלפֿן שאַפֿן טויזנטע דזשאָבס; און בויען אַ מאָדערניזירטע ים האַנדל פּאָרט וואָס פּאַסט פֿאַר די 21'סטע יאָר הונדערט אין די 122-אַקער-גרויסע וואַסער ברעג מיט אַ קאָנצענטראַציע אויף קלענערע דיסטריביוּשען סטראַטעגיעס וואָס קענען אַראָפּנעמען טראָקס פֿון ניו יאָרק סיטי שאָסייען.

**האָולענד הוּק שיף פּאָרט**

די סיטי וועט מאַכן אַן אַמענדירונג צו איר ליעס פֿון אַ 225-אַקער גרויסע חלק פֿון סטעטן איילענד'ס האַולענד הוּק שיף פּאָרט פֿאַר די פּאָרט אויטאָריטעט וואָס ליעסט יעצט אַרויס האַולענד הוּק פֿון די סיטי — צו גיבן פֿאַר די פּאָרט אויטאָריטעט קאָנטראָל אויף די אָפּעראַציעס פֿון די פּלאַץ. דאָס וועט ברענגען גאַנץ האַולענד הוּק אונטער פּאָרט אויטאָריטעט קאָנטראָל, שטיצנדיג איר מעגליכקייט צו טרייבן צוקונפֿטיגע אויסברייטערונגען.

האַולענד הוּק איז איינס פֿון די הויפּט קאָנטעינער טערמינאַל אין די ניו יאָרקע האַפֿן און עס האָט לעצטנס צוגעצויגן איר סאַמע גרעסטע פּריוואַטע אינוועסטירונג. אַלס טייל פֿון אַ געענדערטע ליעס אָפּמאַך וואָס איז אַנאָנסירט געוואָרן אין סעפּטעמבער פֿון 2023, האָט האַולענד הוּק'ס נייע אויפֿהאַלטער – גלאָבאַלע שיפֿינג און לאָגיסטיקס פֿירמע CMA CGM – צוגעזאָגט מער פֿון 200 מיליאָן דאָלאַר צו טראַנספֿאָרמירן די לאָקאַציע מיט מאָדערנע איינריכטונגען, אויסגעברייטערטע קאַפּאַציטעט און שטאַנדהאַפֿטיגקייט פֿאַרבעסערונגען – שאַפֿנדיג הונדערטע נייע דזשאָבס און שותּפֿות'ן מיט קליינע ביזנעס, באַזונדערס פֿאַר ביזנעסער אין די אייגנטום פֿון מינאָריטעט און פֿרויען. די אָפּמאַך צווישן די סיטי און די סטעיט וועט העלפֿן אַרויפֿבויען אויף לעצטיגע אינוועסטירונגען ביי האַולענד הוּק און העלפֿן טרייבן אַפֿילו מער לאַנג-טערמיניגע אינוועסטירונג אין די טערמינאַל. אין צוגאָב האָט CMA CGM פֿאַרשפּראָכן צו פֿאַרגרעסערן די איינריכטונג'ס קאַפּאַציטעט מיט 50 פּראָצענט אין לויף פֿון די קומענדיגע זיבן יאָר, ערלויבנדיג עס צו באַהאַנדלען 750,000 קאָנטעינערס יעדעס יאָר.

די פֿאַרגרעסערטע קאַפּאַציטעט וועט ערמעגליכן האַולענד הוּק צו בלייבן אויבן מאַרקעט פֿון די סחורות פֿאַרלאַנג וואָס איז פֿאָראויסגעזאָגט צו שטייגן אין די קומענדיגע צענדליגע יאָרן, האַלטנדיג די סחורות פֿליסנדיג. CMA CGM האָט זיך אויך פֿאַרפּליכטעט צו אַרויסגעבן קאָנטראַקטן פֿאַר ביזנעסער וועלכע זענען אין אייגנטום פֿון מינאָריטעטן, פֿרויען און וועטעראַנען וועלכע זענען אינוואַלידן צוליב זייער דינסט, און אַזוי אויך האָבן זיי זיך פֿאַרפּליכטעט זיך צו באַנוצן די מערסטע וואָס איז מעגליך מיט לאָקאַלע ביזנעסער. אין די קומענדיגע צענדליגע יאָרן, וועלן די פּאָרט אויטאָריטעט און אירע פּריוואַטע שותּפֿים סטראַטעגיש אינוועסטירן אין מאָדערניזירונגען צו לאָקאַציע צו גלאַטער מאַכן די סוּפּליי טשעין, שאַפֿן שיין-באַצאָלטע דזשאָבס און אַרויסברענגען די מערסטע עקאָנאָמישע וואוּקס.

אין די קומענדיגע וואָכן וועלן די NYCEDC און פּאָרט אויטאָריטעט שליסן אַ ליעס און פֿאַרבינדענע אָפּמאַכן פֿאַר ביידע לאָקאַציעס, ערלויבנדיג יעדע איינס צו אָנהויבן באַלדיגע קאָנטראָל אויף אויפֿן-אָרטיגע אָפּעראַציעס, אונטערגעוואָרפֿן צו די באַשטעטיגונג פֿון די באָורד פֿון יעדע אַגענטור.

**פּאָרט אויטאָריטעט פֿון ניו יאָרק און ניו דזשערזי וויצע טשעירמאַן, דזשעף לינפֿאַרד, האָט געזאָגט,** "די איבערפֿירונג בענעפֿיטירט סיי די פּאָרט אויטאָריטעט, סיי די סיטי און סיי די סטעיט, אַזוי ווי עס וועט העלפֿן ערמעגליכן האַולענד הוּק און די ברוקלין שיף פּאָרטן צו פֿאַרוואַנדלט ווערן צו לאָקאַציעס וואָס זענען אויסגעשטאַט צו בליהען אין די 21'סטע יאָר הונדערט. די פֿאַראייניגטע אייגנטימערשאַפֿט סטרוקטור ביי האַולענד הוּק וועט שטיצן לאַנג-טערמיניגע אויסברייטערונג און וואוּקס אַזוי ווי מיר גרייטן זיך פֿאַר מער פֿון 200 מיליאָן דאָלאַר אין פּריוואַטע געלטער צו אינוועסטירט ווערן דאָרט אין די קומענדיגע יאָרן."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאָמישאָנער, האָפּ נייט, האָט געזאָגט,** "די טראַנספֿאָרמאַטיווע אינוועסטירונג אין ברוקלין'ס וואַסער ברעג שפּיגלט אָפּ אַ פֿאָראויס-קוקנדע חזון פֿאַר

ניו יארק סיטי'ס עקאנאמישע וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט. דורכן אויפלעבן די ברוקלין שיף פארט צו ווערן א לעבעדיגע קאמיוניטי צענטער מיט פארשידענע באנוצן און א צענטער פאר באשעפטיגונג אין היינטיגע ים האנדל, טוהען מיר עפענען די פאטענציאל פון טויזנטע נייע דזשאבס און באדייטנדע עקאנאמישע בענעפיטן וועלכע וועלן האבן ווייטע ווירקונגען אריבער די סיטי. דער פראיעקט, צוזאמען מיט די צוקונפטיגע אויסברייטערונג פון די האַלענד הוק שיף פארט, וועט פלעגן א בליהענדע, שטאנדהאפטיגע און ערפאלגרייכע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "די פארבעסערטע ברוקלין שיף פארט וועט טראנספארמירן די ברוקלין וואסער ברעג און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער פון די ארומיגע געגנטער. איך גראטוליר די סיטי פארן אונטערנעמען די וויכטיגע טריט און, איך וועל פארזעצן צו קעמפן פעדעראלע מיטלען פאר דעם פראיעקט."

**סטעיט סענאטאר ענדרו גוּנאַרדעס האט געזאגט,** "עס איז דא אזויפיל וואס מיר קענען אהערברענגען דורכן אינוועסטירן אין די ברוקלין שיף פארט און די רעד הוק קאנטעינער טערמינאל. דאס טראנספערירן די שטח צו די EDC וועט אונז גיבן די געלעגנהייט צו ענדליך ארבעטן צו אויפבויען א שיפט פארט 21'סטע יאר הונדערט. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די EDC, די סיטי, די סטעיט און מיינע קאלעגן אין רעגירונג צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי און פארמישטע קערפערשאפטן צו זיכער מאכן אז מיר אקטיוויזירן אונזערע וואסער וועגן, אז מיר גיבן זיך אפ מיט די פארשפרייטונג פון ענדגילטיגע דעליווערי איינריכטונגען און אז מיר עפענען אויף עקאנאמישע געלעגנהייט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מארסעלא מיטעינעס האט געזאגט,** "אונזערע קאמיוניטיס אויף די וואסער ברעג האבן ארויסגעוויזן זייער באגער צו אריינגערעכנט ווערן אין עקאנאמישע אויפלעבונג פראיעקטן. אזוי ווי פארהאנדלונגען האבן זיך אנגעהויבן איבערן פארשטערקערן די ארבעטנדע קאמיוניטי אויף די וואסער ברעג ביי די ברוקלין שיף פארט, בין איך באגייסטערט געווען צו זעהן די באגערן ווערנדיג א מציאות. דער פראיעקט האט די פאטענציאל צו אריינברענגען אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער צו מאדערנע ים האנדל דזשאבס וואס גרייטן זיי אן פאר די גרינע עקאנאמיע פון די צוקונפט, ברענגען צוריק קונדן צו לאקאלע ביזנעסער און בלאזן צוריק אריין לעבן אין היסטאריש פארקוקטע קאמיוניטיס. איך וויל באדאנקען אונזערע לאקאלע און סטעיט רעגירונגען און אגענטורן פאר זייער אינוועסטירונג אין די ארומיגע געגנטער. איך קוק ארויס צו זיין אן אקטיווע אנטיילנעמערין ביים אויפהאלטן אן ארנטליכע און אפענע דיאלאג מיט די קאמיוניטי איבער די צוקונפט פון אונזער ארבעטנדע וואסער ברעג."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס ד. פאַל האט געזאגט,** "די טראנספארמאציע פון די ברוקלין שיף פארט צו ווערן א לעבהאפטיגע וואסער ברעג קאמיוניטי מיט פארשידענע באנוצן צייכנט אפ א היסטארישע טריט פאראויס פאר ברוקלין און פאר ניו יארק סיטי בכלל. איך בין פערזענליך איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז די דעוועלאפמענט טוט נישט נאר אויפלעבן די געגנט נאר אז עס דינט אויך אלס א טרייב קראפט פאר ערפינדונג און געלעגנהייט. דער פראיעקט וועט נישט נאר טראנספארמירן אונזער וואסער ברעג נאר אויך אויפטרייבן טויזנטע דזשאבס, טרייבנדיג עקאנאמישע וואוקס פאר אונזער סיטי."

**ברוקלין באראו פרעזידענט, ענטאָוניאָו רינאָוסאָו, האט געזאגט,** "געדענקן די אל"ף בי"ת וואס מאכט אונזער סיטי אזוי געוואלדיג קען פירן צו א לעכטיגערע צוקונפט פאר ברוקלין, און דאס רעכנט אריין דאס אויפלעבן אונזער וואסער ברעג. די היינטיגע אנאנס איז געוואלדיגע נייעס פאר ברוקלין'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג. מיט פאראויסיגע אינוועסטירונגען, קענען מיר שאפן נייע דזשאבס און איבערבויען די וואסער ברעג וואס האט געהאלפן אויפבויען אונזער באראו און אונזער שטאט. א דאנק פאר מעיאר עדעמס, גאווערנער האקול, די פארט אויטאריטעט און די ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט פארן ברענגען די פינאנצירונג צו אויפלעבן ברוקלין'ס וואסער ברעג."

**סטעטן איילענד בּאראָו פּרעזידענט, וויטאָו פאסעלא, האט געזאגט,** "א הויפט עלעמענט פון ניו יארק און ניו דזשערסי'ס ים האנדל אינדוסטריע איז די האַולענד הוּק שיף פארט. עס באשעפטיגט הונדערטע מענטשן מיט שיין-באצאלטע דזשאבס, און מיר ווילן דאס זעהן ווערנדיג אויסגעברייטערט. דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן געשטיצט די באמיאונגען לעצטע יאר צו צושטעלן א באדייטנדע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג צו פארשטערקערן און פארבעסערן די טערמינאל. מיר זענען פול מיט האפענונג אז די טראנספער צו די פארט אויטאריטעט, וואס קוקט אויס צו זיין מער נאטורליך צוגעפאסט דערפאר, וועט ערלויבן האַולענד הוּק צו קענען קאנקורירן אויף די מארקעט פאר פילע יאר אין די צוקונפט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין אמענדע פאריאס האט געזאגט,** "אונזער סיטי'ס וואסער ברעגעס זענען די שליסל צו שאפן א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט. דאס איז די סיבה פארוואס איך בין באגייסטערט צו זעהן אונזער מעיאר, גאווערנער, די פארט אויטאריטעט און די NYCEDC אויספירנדיג זייער חזון צו אויפבויען א האפן פון די צוקונפט אין סאַוט ברוקלין. אלס פארזיצערין פון די קאמיטע אויף עקאנאמישע אנטוויקלונג, בין איך געווען אנטשיידן מיט מיין שטיצע און שתדלנות אין דעם נושא פון בעסער אויסנוצן אונזערע וואסער ברעגעס און אויפשפארן די עקאנאמישע פאטענציאל וואס זיי אפפערן פאר אונזערע סיטי, סטעיט און לאקאלע עקאנאמיעס. איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט אלע פארטייען צו זיכער מאכן אז מיר טראכטן שעפעריש און ווירקזאמערהייט איבער וויאזוי צו אמבעסטן באדינען אונזערע געגנטער אויף די וואסער ברעגע און פארשטערקערן אונזער לאקאלע סופליי טשעין."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין קאמילע הענקס האט געזאגט,** "די פלאן פאר די ברוקלין שיף פארט, צוזאמגעפארט מיט די סטראטעגישע אויסברייטערונג פון די האַולענד הוּק שיף פארט, ווייזט ארויס אונזער איבערגעגעבנקייט צו סטעטן איילענד'ס עקאנאמישע הצלחה און איר קריטישע ראלע אין ניו יארק סיטי'ס ים האנדל אינדוסטריע. די אינציאטיוו איז אויסגעשטעלט צו שאפן טויזנטע דזשאבס און פארמערן עקאנאמישע אקטיוויטעט. דורכן זיך קאנצענטרירן אויף שטאנדהאפטיגע בויאונג און מאדערנע אינפראסטרוקטור, טוהען מיר זיכער מאכן אז סטעטן איילענד פארבלייבט אויף די סאמע פראנט פון עקאנאמישע און קאמיוניטי אנטוויקלונג."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין שאהאנע האניף האט געזאגט,** "אלס א שטאלצע פארטרעטערין פון די קאלאמביע וואסער ברעג, בין איך באגייסטערט איבער די פאטענציאלע בענעפיטן וואס אן אינוועסטירונג פאר די ברוקלין שיף פארט קען ברענגען פאר די בירגער וועם איך פארטרעט. אויב עס וועט איינגעפירט ווערן מיט יושר, וועט די אינציאטיוו שאפן דזשאבס, רעדוצירן עמיסיעס און פירן צו א מער שטאנדהאפטיגע און אריינגעמנדע עקאנאמיע פאר אלע ניו יארקער. איך בין פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז די קאמיוניטי האט א זיץ ביים טיש. דער בעפארשטייענדער פראצעדור צו אויפקומען מיט א חזון פאר די סיטי'ס אינוועסטירונג מוז פארבעסערן די געזונטהייט און וואוילזיין פון לאקאלע געגנטער."

**ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, ענדרוּ קימבאל, האט געזאגט,** "די אפמאך ברענגט א געלעגנהייט וואס קומט אמאל אין א דור צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי און מיט פארמישטע קערפערשאפטן אויף א פארצווייגטער חזון פראצעדור צו פארזיכערן א טראנספארמאטיווע מייסטער פלאן וואס עפנט די פולע פאטענציאל פון איבער 100 אקער אויף די ברוקלין וואסער ברעג. א פונדאסניי אויסגעשטעלטע וואסער ברעג קען אהערשטעלן א מאדערנע ים האנדל פארט מיט א קאנצענטראציע אויף קלענערע דיסטריביוּשען סטראטעגיעס וואס נעמען אראפ טראקס פון אונזערע שאסייען און פארמערן יוניאן דזשאבס אויף די וואסער ברעג ווי אויך צושטעלנדיג וויכטיגע איינריכטונגען פאר די קאמיוניטי. די פלאץ וועט ווערן נאך א קריטישע עלעמענט אין מעיאר עדעמס'ס חזון פאר די 'האפן פון די צוקונפט'."

**פרעזידענט, דזשעימס ווילען, האט געזאגט, Real Estate Board for New York (REBNY)** "REBNY אפלאדירט די סיטי, סטעיט און פארט אויטאריטעט פארן זיך צוזאמקומען אויף די אפמאך. מיר ערווארטן אז ברוקלין און סטעטן איילענד געגנטער לענגאויס די וואסער ברעג וועלן זעהן אנגייענדע עקאנאמישע שוואונג און פריוואטע אינוועסטירונג צוליב די פראיעקטן, העלפנדיג מאכן ניו יארק סיטי'ס עקאנאמיע וואקסן און נאך מער פארשידנארטיג."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר, סטעפען ליימען, Maritime Association of the Port of NY & NJ האט געזאגט,** "The Maritime Association of the Port of NY & NJ אפלאדירט די ארבעט פון אלע צדדים וואס זענען פארמישט אין די אפמאך. אויפלעבן די איינריכטונגען אויפן ים אין די פארט פון ניו יארק און ניו דזשערסי איז קריטיש צו שטיצן די באוועגונג פון פראכט יעצט און אין די צוקונפט. מיר זענען באגייסטערט צו שטיצן די עקאנאמישע בענעפיטן וואס וועלן זיכער ארויפטרייבן ים האנדל פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**פרעזידענט און CEO, רענדי פירס, האט געזאגט, Brooklyn Chamber of Commerce** "דורכאויס די היסטאריע איז ניו יארק סיטי שטענדיג געווען א וויכטיגע פארט שטאט און א צענטער פאר ים האנדל. די היינטיגע אנאנס דורך די פארט אויטאריטעט און NYCEDC בויט ארויף אויף די אנערקענטע וויכטיגקייט פון ים האנדל באנוצן ביי די ברוקלין שיף פארט, און עס שטעלט אוועק די וויכטיגע טייל פון אונזער וואסער ברעג פאר סטראטעגישע וואוקס."

**ברוקלין בריק פארק פרעזידענט, עריק לאנדאו, האט געזאגט,** "אלס א שכנות'דיגע עפנטליכע שטח אויף די וואסער ברעג, זענען מיר באגייסטערט ביז גאר איבער די געוואלדיגע מעגליכקייטן וואס טראנספארמירן די ברוקלין שיף פארט וועלן ברענגען פאר אונזערע באראוס און אונזער סיטי. אלע פון אונז ביי די ברוקלין בריק פארק זענען גאר באגייסטערט זיך צו אנשליסן אין די קומענדיגע שטאפלען."

**Local 1814 ILA פרעזידענט, פרענק אגאָסטע, האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג אין די רעד הוּק ארבעטנדע וואסער ברעג איז קריטיש פאר די צוקונפט פון ניו יארק סיטי. מיר דארפן זיך אויסמשל'ן פונדאסניי וויאזוי פראכט און סחורות ווערן געליפערט נוצנדיג אונזערע 500 מייל פון וואסער ברעג. די ארבעטסקראפט פון ILA Local 1814 איז גרייט זיך צו נעמען צום ארבעט, און מיר באדאנקען די גאווערנער און מעיאר פאר די פאראויסיגע באצאלונג".

**Waterfront Alliance פרעזידענט און CEO, קארטני קאָוניג ווארעל, האט געזאגט,** "אין א צייט ביזנעס נארמעס טוישן זיך, זענען מיר דערפרייט צו זעהן א פרישע פארפליכטונג פון ניו יארק סיטי פאר אירע ארבעטנדע וואסער ברעג, ים האנדל אינדוסטריע, 'בלויע הייווע' אויסברייטערונג און קלענערע ענדגילטיגע דעליווערס. ניו יארק סיטי און דער ראיאן וועלן זעהן גרויסע וואוקס אין פראדוקטן, גרויסע קאנסטרוקציע מאטעריאלן, עסנווארג און אנדערע וועזנטליכע סופּלייס וואס פעהלן אויס ביי די וואסער ברעג און אין די אינעווייניגע פינף באראוס. די וואוקס קען נישט באהאנדלט ווערן דורך טראקס, און דאס ברענגט א יושר'דיגע געלעגנהייט פאר די ברוקלין שיף פארט פאר פראכט מאדעריניזירונג. מיר זענען באגייסטערט איבער די פילע געלעגנהייטן, די פארפליכטונג צו ארבעטן מיט די פארמישטע פארטייען און אז ניו יארק סיטי רופט זיך אפ צו די רוף פאר סאפיסטיקירטע, דורכגעטראכטע און פארויס-קוקנדע ים האנדל פירערשאפט."

**ניו יארק-ניו דזשערסי האפן און איינגאס פראגראם (NY-NJ Harbor & Estuary Program), פון די Hudson River Foundation דירעקטאר, ראבערט פיראני,** "ניו יארק'ס פארט איז א קריטישע חלק פון אונזער עקאנאמיע און א גרויסע איינפלוס אויף די געזונטהייט פון די וואסער איינגאס. זיכער מאכן אז די אינפראסטרוקטור אויפן ברעג ערפילט די באדערפענישן פון ים האנדל און אזוי אויך די קאמיוניטי און עקאלאגישע ציהלן איז קריטיש פאר די הצלחה דערפון. מיר אנערקענען די וויכטיגקייט פון

די אינציאַטיוו, און איך קוק ארויס צו די אנגייענדע שמועסן איבער די צוקונפט פון די וויכטיגע איינריכטונגען אין ברוקלין און סטעטן איילענד."

**סטעטן איילענד עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מייק קיוסיק, האט געזאגט,** "האַולענד הוק'ס סטראטעגישע לאקאציע און פארבינדונגען צו גלאבאלע האנדל זענען קריטיש פאר עקאנאמישע אויסברייטערונג אין סטעטן איילענד. אונטער די אייגנטימערשאפט פון די פארט אויטאריטעט אין צוגאב צו CMA CGM'ס היסטארישע אינוועסטירונג, איז די טערמינאל פלאנירט צו שטיצן דזשאב וואוקס, שטאנדהאפטיגע סופליי טשעינס און געלעגנהייטן פאר לאקאלע ביזנעסער. מיר אפלאדירן אונזערע סיטי און סטעיט שותפים פארן אנקומען צו די אפמאך, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן פון די נאענט מיט די פארט אויטאריטעט אזוי ווי מיר זעצן פאר צו טרייבן לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונגען אין אונזער באראו'ס וואסער ברעג און אין די אומגעגנט."

**Red Hook Container Terminal, LLC פרעזידענט און CEO, מייקעל סטאמאטיס, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס דורך מעיאר עדעמס שטרייכט אונטער די וויכטיגקייט פון די ים האנדל אינדוסטריע אין די הארץ פון ניו יארק סיטי, און באזונדערס איבער די וויכטיגקייט פון די רעד הוק קאנטעינער טערמינאל און א ברייטערע ברוקלין שיף פארט איינריכטונג פאר די מענטשן פון די סיטי און סטעיט ניו יארק. מיר אפלאדירן ניו יארק סיטי מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול פארן מאכן די לאנג-טערמיניגע צוזאג און אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון די ארבעטנדע וואסער ברעג, זיכער מאכנדיג א סטאבילע און שטאנדהאפטיגע סופליי טשעין פאר די מיליאנען מענטשן וואס לעבן, ארבעטן און באזוכן ניו יארק סיטי יעדן טאג, בשעת'ן אויך ארויסווייזן אפר די מענער און פרויען וואס אוועקגעגעבן איבער זייער אייגענע פערזענליכע זיכערהייט אלס 'עסענטשעל' (וועזנטליכע) ארבייטער ביי די פארט דורכאויס קאוויד-19 פאנדעמיע, פארזיכערנדיג אז אונזער וויכטיגע סופליי טשעין בלייבט אפן, און זייער מסירות נפש איז נישט אינגאנצן אומבאמערקט געווארן. די מאדערניזירונג פון די אויסברייטערונג פון די ברוקלין שיף פארט איינריכטונג מוז געטוהן ווערן יעצט זיך צו נאכקומען די שווערינקייטן וואס זענען פארבינדן מיט טראפיק, אנגעלייגטע שאסייען, רעדוצירן קארבאן עמיסיעס, אדרעסירן די הויכע שטאפל פון די טייך און קלימאט טויש, און אזוי אויך צו ברענגען א שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק אוניווערסיטעט פראפעסאר פון שטאטישע פלאנירונג און פאליסי, מיטשעל ל. מאס, האט געזאגט,** "רעד הוק איז די באהאלטענע דיאמאנט פון די ניו יארק סיטי וואסער ברעג. מעיאר עדעמס און די פארט אויטאריטעט האבן אויסגעארבעט א פלאן צו ברענגען ניו יארק סיטי צו צושטעלן א פאראייניגטע פירערשאפט צו ווייזן די וועג פאר די צוקונפט פון רעד הוק בשעת די פארט אויטאריטעט פארשטערקערט האַולענד הוק'ס ראלע אלס א הויפט קאנטעינער פראכט צענטער פאר דעם ראיאן. פאר צו לאנג האבן מיר פארנאכלעסיגט רעד הוק; אונטער מעיאר עדעמס און EDC פרעזידענט ענדרו קימבאל, וועט די געבורט פונדאסניי פון רעד הוק'ס וואסער ברעג אויפטרייבן נייע דזשאבס, נייע אקטיוויטעטן און נייע געלעגנהייטן פאר ניו יארקער זיך צו פארבינדן מיט אונזער אטעם-פארכאפנדע ים האנדל קולטור."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן